# י"ב פסוקים

לע"נ הרה"ח
**ברוך שלום** בהרה"ח
**מיכאל יהודה אריה לייב**
**הכהן** ע"ה **כהן**
נלב"ע כ"ה מרחשון
ה'תשפ"ו.

## שמע ישראל ה'אלוקינו ה' אחד

האט איר אמאל געטראכט, פארוואס פארדעקט מען די אויגן ווען מ'זאגט שמע?

אמאל איז א קליינע מיידעלע אריין צום רבי'ן אויף יחידות. דער רבי האט איר געפרעגט אויב זי ווייסט שמע ישראל אויף אויסנווייניק. זי האט געענטפערט אז זי ווייס, און האט גלייך צוגעדעקט אירע אויגן און געזאגט שמע ישראל. האט דער רבי איר געפרעגט ווייטער, "פארוואס דעקט מען צו די אויגן ווען מ'זאגט שמע?" האט זי געענטפערט אז דאס איז כדי צו האבן מער כוונה, און דער רבי האט איר געגעבן א זילבערנעם דאלער.

וואס איז אבער די כוונה פון שמע ישראל?



דערווארט "אחד" אין שמע איז ראשי תיבות: א - אלופו של עולם, דער אויבערשטער. ח - בגימטריא אכט, די זיבן הימלען און די ערד. ד - די פיר ריכטונגען. דאס מיינט אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פון דער אויבערשטער, אלץ איז בטל צו אים, און אויך זייער איצטיגער חיות קומט פון אים.

## והנה ה' נצב עליו ומלא כל הארץ כבודו ומביט עליו ובוחן כליות ולב אם עובדו כראוי

האט עס אמאל געטראפן צו דיר אז דו האסט געזאגט "איך קען ניט"?

דער פסוק פון "והנה" לערנט אונז, אז פאר א איד איז קיין זאך ניט צו שווער. ער האט אלעמאל די כח צו טאן דאס וואס ער דארף, און ספעציעל ווען ס'קומט צו תורה און מצוות.

"והנה ה' נצב עליו" מיינט אז דער אויבערשטער שטייט און קוקט אויף א איד. אבער דאס איז ניט בלויז א קוק, נאר אויך (ובעיקר) אז דער אויבערשטער גיט אים די כח צו טאן וואס ער דארף.

און אז דער איד ווייסט אז מלך מלכי המלכים הקב"ה שטייט מיט אים, קוקט צו און גיט אים כח - דאס אליין באגייסט אים מיט שמחה צו טאן זיין עבודה.

האסטו אמאל געזעהן ווי א קלייד קינד לערנט ווי צו גייען? אלע קוקן אויף אים אוןווארטן אז ער זאל טרעטן מיט די אייגענע פיס. ווען ער זעהט ווי אלע קוקן און ווארטן אויף אים - דאס אליין גיט אים די כח צו דאס טאן, און מיט א ברייטן שמייכל.





אבער ווען מ'קוקט אויף די וועלט זעהט מען דאס ניט, נאר מ'זעהט א גשמיות'דיקע וועלט. דערפאר דארף מען צודעקן די אויגן ווען מען זאגט שמע, און טיף אריינטראכטן וועגן דעם אז דער וועלט איז באמת אלקות, און יעמאלט ווען מען נעמט אראפ די האנט פון די אויגן און מען קוקט אויף די וועלט, קען מען דערהערן אז דאס איז די זעלבע וועלט וועגן וואס מ'האט יעצט אריינגעטראכט אז ס'איז אלקות.

וואס ליינען די צוויי לאכן וואס מיר לערנען פון והנה ה'?